בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא

245

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס רֶעדְט זֵייעֶר נִישְׁט קְלָאר?........................א

מֶעג אִיךְ לֵייְנֶען אַ גוֹי'אִישֶׁע בּוּך פַאר מַיין דֵייעֶט?.............................ב

וָואס טוּ אִיךְ אַז אַ קָרוֹב פִירְט זִיךְ נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג מִיט מַיין קִינְד? .........ד

בִּין אִיךְ רָאוּי צוּ מַאכְן בַּתִּים פַאר דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין?..........................ה

מֶעג מֶען זָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער לְעִלּוּי נִשְׁמַת נִפְטָרִים וֶועמֶען מֶען קֶען נִישְׁט?..ז

וָואס קֶען אַ פְּרוּי טוּן וֶוען אִיר מַאן הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?.......................ט

מֶעג מֶען זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן בַּיים לֶערְנֶען עִבְרִי מִיט קִינְדֶער? ................ יא

דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְן צוּ פָארְן יֶעצְט אוֹיף אוּמַאן? ............................יג

מֶעג מֶען אַרָאפְּלֵייגְן אַ בֶּעבִּי אוֹיפְ'ן טִישׁ?......................................יד

מֶעג מֶען פַארְשְׁטֶעלְן קִינְדֶער אוּם פּוּרִים וִוי אַ טָמֵא'נֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ? .... טו

פַארְוָואס דַארְף מַיין בָּחוּר אוֹיפְשְׁטֵיין אַזוֹי פְרִי פַארְטָאגְס?.................. טז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַ טִיטְשֶׁער מוּז זַיין אַחְרַיוּת'דִיג.............................................א

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִויפִיל אַ מְלַמֵּד מוּטְשֶׁעט זִיךְ טָאג טֶעגְלִיךְ ..............א

אִיךְ הֶער אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין אוּן גוּט...............................ב

מֶען דַארְף אַרוֹיסְטְרַייבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת...............................ג

אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן פוּן אַלֶע זַייטְן, קוּמְט אָן אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים..ד

פַּאנִיק אַטַאקֶעס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה ........................ ה

פוּפְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה ........................ ו

אַ בִּיטֶערְע טַעַם וֶוען דֶער שִׁידוּךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט ........ ו

דֶער גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ פוּן פַאְרְשֶׁעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט דִי "נַ נַח"
מְשׁוּגַעַת ........................ ז

וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ שְׁנֶעלֶער וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן. ט

מִשְׁנַיּוֹת הִיט אָפּ פוּן מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס ווִילְן
אָוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ י

טוּ אַלֶעס אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת ........................ יא

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס טְשָׁאלְנְט, דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן
וֶועט שׁוֹין צִיעֶן מֶענְטְשְׁן ........................ יא

פְרוֹיעֶן גֵייעֶן נִישְׁט צוּ קַיין לְוָיָ' ........................ יב

גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אָן אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער
פוּן דִי עֶלְטֶערְן ........................ יג

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי זִיךְ טְשֶׁעפֶּען ........................ יג

בֶּעט פַאר פַּרְנָסָה אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, צֶען מָאל אוּן הוּנְדֶערְט מָאל ........ יד

אַרַיינְזָאגְן אִינֶעם הַאטְלֵיין דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה ........................ טו

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַאְרְלֵייגְן אוֹיף מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא ........................ טז

מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶער נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט שְׁרֶעק ........ יז

וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ צוּ טוּן אִין אֵיין טָאג ........................ יז

אָפְּגֶיסְן נֶעגְל וַואסֶער פַאר דִי קִינְדֶער ........................ כז

מִיט'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, הָאט מֶען אַ גְלַייכֶע זְכוּת אִין הֲפָצָה ........................ כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס רֶעדְט זֵייעֶר נִישְׁט קְלָאר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַלֶעמָאל אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה אוֹיף אַלֶעס, אוֹיף יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם. וְויל אִיךְ וִויסְן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן אַז מַיין אִינְגְל, וָואס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט פִיר יָאר אַלְט, - רֶעדְט שְׁרֶעקְלִיךְ נִישְׁט קְלָאר; עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גֶעזוּנְטֶער זִיסֶער אִינְגְל, עֶס אִיז אָבֶער זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים צוּ פַארְשְׁטֵיין, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ רֶעדְן קְלָאר מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר זָאגְט.

עֶס אִיז אַ שְׁטִיקְל נִסָּיוֹן פַאר אוּנְז פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, סֵיי פַאר אִים אַלֵיין מַאכְט עֶס אִים זֵייעֶר נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט אָדֶער וִויל, אוּן סֵיי פַאר דִי עֶלְטֶערְן אִיז עֶס זִיכֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ פִּיל זֵייעֶר שְׁלֶעכְט פַאר אִים אוּן אוֹיךְ וֶוער אִיךְ אַסַאךְ מָאל צֶעפְּלַאצְט פוּן זַיין נֶערְוֶועזְקֵייט אַז עֶר זָאגְט אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַזוֹי סַאךְ מָאל אוּן נָאכְאַלְץ פַארְשְׁטֵייט מֶען אִים נִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס נֶעמְט אַ יַם מִיט כֹּחוֹת אַז זַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט דִי גַאנְצֶע צַייט זָאל מִיר נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן מַאכְן נֶערְוֶועז אוּן צֶעפְּלַאצְט.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין הֶעלְפְן מִיט דֶעם. אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס נָאךְ אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם, אָדֶער אֶפְשָׁר אַבִּיסְל חִיזּוּק. דָאס אִיז אַ טָאג טֶעגְלִיכֶע שְׁוֶוערִיקֵייט אוּן עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ זֶען וִוי מַיין קִינְד מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי בִּיטֶערְלִיךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**הַיינְט זֶענֶען דָא מוּמְחִים פַּאר דִי זַאכְן, מוּמְחִים וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען רֶעדְן; אַמָאל קֶען זַיין מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט קֶען מֶען דָאס פַארֶערְכְטְן. נֶעם אִים צוּ טֶערֶעפִּי אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל דָאס קֶענֶען גְרִינְג פַארְרֶעכְטְן.**

**הָעִקָּר גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין לַחַץ, וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן; גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

### מֶעג אִיךְ לֵיינֶען אַ גוֹי׳אִישֶׁע בּוּךְ פַאר מַיין דֵייעֶט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אִיבֶּערְוָואג אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם, אִיךְ בִּין מַמָשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ עֶסְן, וֶוען אִיךְ זֶע עֶסְן וֶוער אִיךְ מַמָשׁ פַארְגְלַיְיוֶוערְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט הֶערְן אוּן זֶען עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן אִיךְ עֶס אִיבֶּער דִי מָאס.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעוִוּיסֶע פְּרָאגְרַאם וָואס הֶעלְפְט מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע שִׁיטָה, אִיךְ דַארְף אָבֶּער לֵיינֶען אַ דִיקֶער גוֹי'אִישֶׁער בּוּךְ פוּן דִי פְּרָאגְרַאם כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן, מֶעג אִיךְ דָאס לֵיינֶען?

אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מַיין גֶעזוּנְט, פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אוּן אוֹיךְ פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, מַיין מַאן הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעט אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מֶער רוּאִיג זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אוֹיף דֶעם פְּרָאגְרַאם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג צוּ גֵיין אוֹיף אַ גוּטֶע דֵייעֶט, עֶס אִיז אַ מִצְוָה אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעזוּנְט. דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז (דְּבָרִים ד, טו): "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם", מֶען דַארְף הִיטְן אוֹיפְ'ן גֶעזוּנְט; אַז מֶען אִיז אִיבֶּערְוָואגִיג קֶען דָאס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי דֵייעֶט וְכוּ׳; גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן גוֹי'אִישֶׁע פַאנְטַאזְיעֶס, דִי בֶּעסְטֶע פְּרָאגְרַאם אִיז אַז מֶען עֶסְט גֶעזוּנְט; מֶען עֶסְט מִיט אַ סֵדֶר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, נָאכְמִיטָאג אוּן בַּיינַאכְט.

נֶעמְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר פְּרָאגְרַאם, מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט פַאר אַ פְרוֹי וָואס וֵויינְט אַז זִי הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ עֶסְן אוּן וִויפִיל זִי מַאכְט אָפּ צוּ גֵיין אוֹיף אַ דֵייעֶט - פַאלְט זִי אַלְץ דוּרְךְ, אוּן אִיר מַאן טְשֶׁעפֶּעט אִיר אַז זִי אִיז גְרָאבּ, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק כב, סִימָן ב'תשעב): "בְּוַדַּאי אַתְּ צְרִיכָה לָדַעַת שֶׁרִבּוּי אֲכִילָה וְכוּ׳ בָּא מִיֵּאוּשׁ, וּכְשֶׁמִּתְיָאֲשִׁים מֵהַחַיִּים וְחוֹשְׁבִים שֶׁאֵין לִי כְּבַר שׁוּם תִּקְוָה, זֶה מַה שֶּׁמַּכְנִיס בָּאָדָם תַּאֲוָה לֶאֱכוֹל וְלֶאֱכֹל וְלֶאֱכֹל וּלְהַשְׁמִין וּלְהַשְׁמִין וְכוּ׳ וְכוּ׳", וִויסְן זָאלְסְטוּ, וֶוען מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן, מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט, מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג - דָאס מַאכְט מֶען זָאל עֶסְן אוּן עֶסְן, עֶס שְׁלֶעפְּט אַרַיין אִין אַ תַּאֲוָה, מֶען עֶסְט אוּן מֶען עֶסְט, מֶען וֶוערְט גְרֶעבֶּער אוּן גְרֶעבֶּער, "אֲבָל כְּשֶׁאָדָם תָּמִיד שָׂשׂ וְשָׂמֵחַ וְשׁוֹלֵט עַל עַצְמוֹ, עַל יְדֵי זֶה הוּא נִפְטָר מִכָּל הַבְּעָיוֹת", אָבֶּער אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ בַּאהֶערְשְׁן, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

נֶעמְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר פְּרָאגְרַאם, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר דֵייעֶט; הוֹיבְּט אָן אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, זוּכְט אוֹיף נָאךְ אוּן נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן, אִיר וֶועט וֶוערְן שְׁטַארְק, אִיר וֶועט זִיךְ קֶענֶען בַּאהֶערְשְׁן. דִי גוֹי'אִישֶׁע פְּרָאגְרַאם קֶען טַאקֶע הֶעלְפְן פַאר דִי זַאךְ, אָבֶּער עֶס קֶען אַמָאל אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן אִין אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיךְ דֶעפְּרֶעסְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, עֶסְן מִיט אַ סֵדֶר. אִיךְ וִויל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ וִויל אוֹיסְזֶען גוּט, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אִיבֶּערְוָואגִיג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, דוּ הָאסְט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן עַצְבוּת, פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן יֶעצְט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט דָא, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס אוּן דוּ בִּיסְט אַלֶעס, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, הֶעלְף מִיר מַיין אֱמוּנָה זָאל זַיין שְׁטַארְק".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אַ קָרוֹב פִירְט זִיךְ נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג מִיט מַיין קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען מַיין קִינְד קוּמְט מִיר דֶערְצֵיילְן אַז אַ פֶעטֶער, אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, - לֶערְנְט אִים אִים אוֹיס נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע זַאכְן, וָואס דַארְף אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן אוּן וָואס דַארְף אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אַ מַאמֶע קֶען בָּאדְן אַ קְלֵיין קִינְד, אַז עֶס זָאל זַיין צְנִיעוּת'דִיג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי פְרַאגֶע; וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט אַ מֶעסֶער אוּן צֶעשְׁנַיידְט אַייעֶר קִינְד? וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט פֵייעֶר אוּן בְּרִיט אָפּ אַייעֶר קִינְד? אִיר וָואלְט זִיכֶער יֶענֶעם גֶעוָוארְנְט אֵיין מָאל, אוּן אוֹיב דָאס פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל וָואלְט אִיר יֶענֶעם גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶע׳הַרְגְ׳עֶט, אוּן גֶעוָוארְנְט אַייעֶר קִינְד נִישְׁט צוּ שְׁטֵיין אִין דִי הוּנְדֶערְט אַמּוֹת פוּן יֶענֶעם, נֵיין? נִישְׁט אַזוֹי?!

אוֹיב אַזוֹי וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע בִּכְלַל? אַז אַייעֶר קִינְד קוּמְט זָאגְן אַז זַיין פֶּעטֶער אִיז אַ מְנֻוָּל - אִיז וָואס וַוארְט אִיר? אִיר וַוארְט עֶר זָאל אִים אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּוַוארְפְן?!

בְּנוֹגֵעַ בָּאדְן דֶעם קִינְד; מֶען וַואשְׁט נָאר אַרוּם אוּן אַרוּם וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּין אִיךְ רָאוּי צוּ מַאכְן בַּתִּים פַאר דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן אַ גְרוּשׁ, פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן דָאס הֶעלְפְּט מִיר אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע דוּרְכְגַאנְג.

מֶען טְרָאגְט מִיר אָן צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ פַאבְּרִיק וואוּ מֶען מַאכְט בַּתִּים פַאר תְּפִלִּין, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז צוּ דֶעם דארף מֶען הָאבְן יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ ווֵייס אָבֶער בַּיי מִיר אַז אִיךְ קֶען אַמָאל פַאלְן אִין קְדוּשָׁה, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב אִיךְ מֶעג גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַזַא פְּלַאץ?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט אַרְבֶּעטְן מִיט תְּפִילִין.

גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ תְּפִילַת שַׁחֲרִית דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי": קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ - וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא): אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, און אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶּער מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶועֶרע זַאךְ צוּ זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר הָאט דָאס גֶעהֵייסְן טוּן - וֶועט עֶס אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, הַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת. אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת - וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער, מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - אִיז דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה" וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן און עֶר וֶוערְט רֵיין.

אִיךְ קֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעלֶעגְן אִין טִיפֶע בְּלָאטֶעס און זֵיי הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם מִשְׁנָיוֹת אִין דִי הֶענְט און נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן

הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי איז "מִשְׁנָה", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת - נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואו דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּכִים, נֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען זָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער לְעִלּוּי נִשְׁמַת נִפְטָרִים וֶועמֶען מֶען קֶען נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שִׁיקְן דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים אַרַיין צֶעטְלֶעךְ מִיט אַ נָאמֶען צוּ זָאגְן פַּאר'ן לֶערְנֶען לְעִלּוּי נִשְׁמַת. אִיךְ וֵייס אָבֶער נִישְׁט אוֹיב מֶען קֶען זָאגְן לְעִלּוּי נִשְׁמַת אַ נָאמֶען וָואס אִיךְ קֶען בִּכְלַל נִישְׁט, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וֶוער דָאס אִיז?

אֶפְשָׁר קֶען מֶען עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן סְתָּם בִּכְלָלִיּוּת לְעִלּוּי נִשְׁמַת אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס דַארְפְן אַ תִּיקּוּן?

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קְלֵיינֶע נוּסַח צוּ זָאגְן פַּאר'ן לֶערְנֶען: "הֲרֵינוּ לוֹמֵד הַיּוֹם לְעִלּוּי נִשְׁמַת כָּל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁאֵין לָהֶם תִּיקּוּן הַשָּׁלֵם וְכָל הַנְּשָׁמוֹת עַרְטִילָאִין וְכָל הַנִּיצוֹצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁנָּפְלוּ לְתוֹךְ הַקְּלִפּוֹת", אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ עֶס דֶערְצֵיילְט פַּאר מַיין חַבֵר, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶס קֶען זַיין מֶען טָאר עֶס נִישְׁט טוּן וַוייל עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה. ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיב מֶען מֶעג אַזוֹי זָאגְן? אוּן אוֹיב מֶען מֶעג עֶס זָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

איך גֶעדֶענְק מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פְלֶעגְן מְלַמְּדִים זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, מֶען זָאל בֶּעטְן פַאר דִי נָאמֶען, מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן דֶעם חוֹלֶה - דָאס שְׁטֶערְט וְכוּ׳.

איך הָאב זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער; וֶוען דֶער מְנַהֵל שִׁיקְט אַרַיין אַ נָאמֶען פוּן אַ חוֹלֶה אָדֶער אֵיינֶער וָואס דַארְף אַ יְשׁוּעָה, אָדֶער אַ יָארְצַייט; וָואס פַּאסִירְט? דִי קִינְדֶער וֶוערְן נִתְחַנֵךְ וָואס צוּ טוּן בְּעֵת צָרָה, וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן בֶּעטְן פַאר מִיר.

וֶוען מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין אַ צֶעטְל אַז מֶען זָאל בֶּעטְן פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶס וַוארְט אִים אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, דֶער מְלַמֵּד וֶוערְט עֶרְנְסְט, עֶר פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן, עֶר זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער **הֶעלְף**", אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן אִים נָאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז **פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי זָאל אַרוֹיסְגֵיין זַכַּאי בַּדִין**" וְכוּ׳; אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס גֵייט יֶעצְט פַּאסִירְן מִיט יֶענֶעם, דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן זִיכֶער יֶענֶעם הֶעלְפְן - גֶעשֶׁעט יֶעצְט נָאךְ אַ זַאךְ, דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעלֶערְנְט וָואס צוּ טוּן בְּעֵת צָרָה.

דֶער אוּמְדִירֶעקְטֶער לִימוּד אִיז נָאךְ שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי לִימוּד וָואס מֶען לֶערְנְט; עֶס זֶענֶען אַלְץ דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוּסָר וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער דִי אוּמְדִירֶעקְטֶע לִימוּדִים גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵיי, בִּיז זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מְלַמְּדִים דַארְפְן וִויסְן אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אוּמְדִירֶעקְט אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן תְּפִלָּה. בַּיי יֶעדֶע שְׁמוּעֶס, בַּיי יֶעדֶע נַייעֶס, קִינְדֶער רֶעדְן, קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן - וַוארְפְט מֶען אַרַיין בְּרֶעקְלֶעךְ אֱמוּנָה; צְווִישְׁן דִי קִינְדֶערִישֶׁע שְׁמוּעֶסְן, דִי קִינְדֶערִישֶׁע נַארִישְׁקֵייטְן - וַוארְפְט מֶען אַרַיין "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס תְּפִילוֹת יִשְׂרָאֵל".

ווארויל אִיז דִי מְלַמְּדִים וָואס זֵייעֶר צִיל אִיז אַרַיינְצוּוָאוְרְצְלֶען אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קֶען אַ פְרוֹי טוּן וֶוען אִיר מַאן הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען גֶעבְּן חִיזוּק פַאר פְרוֹיעֶן וָואס זֵייעֶרֶע מֶענֶער הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַסַאךְ פְרוֹיעֶן דַארְפְן חִיזוּק אוֹיף דֶעם פְּרַט, און מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, און מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ.

אִיר וֵוייסְט אַוַדַאי דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן פְרוֹיעֶן, "בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם" (סוֹטָה יא.), בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע זַאכְן הָאבְּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן גֶעטוּן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָה? דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם), דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ פַאר גָארְנִישְׁט, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיים קוּמֶען, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן הָאבְּן קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', זֵייעֶר קָאפּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער; אַזוֹי וִוי הַיינְטִיגֶע טֶעג, דִי וָואס הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן אוּן זֶענֶען אַיינְגֶעטוּנְקֶען רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ אִינֶעם טֶעלֶעפָאן, קָאפּ אוּן הַארְץ אִין דִי נַייעֶס, דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִין דִי נַארִישְׁקַייטְן; דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג פוּן דִי פֶעלְד אַרְבֶּעט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן אַהֵיים גֵיין.

דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת - וֶוענֶען אַרוֹיס אִין פֶעלְד צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער, זֵיי הָאבְּן מִיט גֶעבְּרֶענְגְט וַואסֶער, יֶעדֶע פְרוֹי הָאט אָפְּגֶעוַואשְׁן אִיר מַאן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, בִּשְׁעַת זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער אִיז אַרַיין גֶעשְׁווּימֶען קְלֵיינֶע פִישׁ, דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער, אוּן יֶעדֶע פְרוֹי הָאט גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר מַאן, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן זִיךְ שֵׁיין גֶעמַאכְט פַאר אִים וְכוּ׳, בִּיז דֶער מַאן הָאט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ זַיין וַוייבּ, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען צוּזַאמֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט רוּת, ד׳): ״בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת עֲתִידִין לְהִגָּאֵל״, אִין זְכוּת פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם לַאנְגְן בִּיטֶערְן גָלוּת ; בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס טוּעֶן דָאס זֶעלְבִּיגֶע וָואס דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם, זֵיי וַוארְטְן אָפּ דֶעם מַאן, זֵיי גֵייעֶן אַנְטְקֶעגְן דֶעם מַאן, זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, זֵיי אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה, זֵיי רֶעדְן שֵׁיין צוּם מַאן, זֵיי הָאבְּן לִיבּ דֶעם מַאן, - בִּיז דֶער מַאן וִויל פוּן זִיךְ אַלֵיינְס שׁוֹין נִישְׁט דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע וַוייבּ, אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אַ קְלוּגֶע, וָואס זִי אִיז פוּן אֵיין זַייט שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין כֵּלִים וָואס רַבָּנִים אַסְרְ׳ן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז זִי גוּט צוּם מַאן, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי - אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס פְרוֹיעֶן קֶענֶען פּוֹעֵל׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, וֶוען פְרוֹיעֶן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס זֵיי קֶענֶען אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט - וָואלְטְן זֵיי זִיכֶער גֶע׳פּוֹעֵל׳ט אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע טֶעכְטֶער אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵייליגְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער״; דָאס דַארְפְן אַלֶע פְרוֹיעֶן בֶּעטְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע

**אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִינְד אָן מַיין מַאן'ס הַארְץ עֶר זָאל דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## מֶעג מֶען זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן בַּיים לֶערְנֶען עִבְרִי מִיט קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ קְלֵיינֶע שְׁאֵלָה; אִיךְ בִּין אַן עִבְרִי מְלַמֵד, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט א-ב אוּן נְקוּדוֹת מִיט קִינְדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ נַארִישׁ מִיט כָּל מִינֵי קִינְדֶערִישֶׁע סִימָנִים, קִינְדֶערִישֶׁע ווִיצְן, אוּן דָאס גְלַייכְן, - אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אוּן גֶעדֶענְקֶען דִי אוֹתִיוֹת אוּן נְקוּדוֹת.

אִיךְ פִיר זִיךְ אַז וֶוען אִיךְ עֶנְדִיג דִי צוּרוֹת פוּן דִי נְקוּדוֹת כְּסִדְרָן, זִינְג אִיךְ וַוייטֶער מִיט דִי נְקוּדוֹת נִיגוּן: "אַ פִינְטְל אִינְמִיטְן, אִיז אַ מְלָאפוּם", אַזוֹי גֵייט אַרַיין אִין קָאפּ אַ סִימָן אוֹיף דִי מְלָאפוּם. אָבֶּער אַסַאךְ מָאל מַאכְט אִיךְ זִיךְ נַארִישׁ אוּן וֶוען אִיךְ זִינְג מִיט דִי קִינְדֶער מַאךְ אִיךְ בְּדַוְקָא אַ טָעוּת אוּן אִיךְ זִינְג "אַ 'פִּימְפְּל' אִינְמִיטְן, אִיז אַ מְלָאפוּם", אוּן דִי קִינְדֶער לַאכְן. נָאכְדֶעם זָאג אַז נֵיין, עֶס אִיז אַ טָעוּת, מֶען דַארְף זָאגְן פִינְטְל אוּן נִישְׁט פִּימְפְּל; אִיז דָאס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווַאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לָאזְט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, דוּ מַאכְסְט זֵיי אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט - זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי א-ב, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען.**

ווען מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן אַ צַדִיק וִוי עֶר לָאזְט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפּ צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אַלְץ גֶעבְּן דִי מָשָׁל פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵד. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אַ גוּטֶער מְלַמֵד אִיז דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן עֶרְד, עֶר מַאכְט מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג אַן אוֹת אַלֶף, אַזוֹי גֵייט עֶס אַרַיין אִין דִי מֹחַ פוּן דִי קִינְדֶער. ווען מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן דָאס, זֵיי קוּקְן אַרַיין אִין פֶענְסְטֶער פוּן דִי כִּתָּה אוּן זֶעעֶן וִוי דֶער מְלַמֵד שְׁפִּילְט זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, פְרֶעגְן זֵיי: 'וָואס גֵייט פָּאר? דֶער אִיז אַ נַארְמַאלֶער מְלַמֵד? עֶר שְׁפִּילְט מִיט דִי קִינְדֶער?' דֶער מְנַהֵל עֶנְטְפֶערְט זֵיי: 'וַוארְט, ווֶעט אִיר אַלֵיינְס זֶען, אַייעֶר קִינְד ווֶעט אַהֵיים קוּמֶען אוּן ווֶעט קֶענֶען דִי א-ב, - דֶעמָאלְט זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵד, עֶר לָאזְט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער בִּיז זֵיי כַאפְּן אוֹיף גוּט דֶעם לִימוּד. אַזוֹי אִיז אַ צַדִיק, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר אִיז נַארִישׁ; עֶר רֶעדְט, עֶר שְׁמוּעֶסְט, עֶר לַאכְט, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי תַּלְמִידִים, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער ווען דִי תַּלְמִידִים גֵייעֶן אַהֵיים, זֵיי הוֹיבְּן אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הוֹיבְּן אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה - דָאס אִיז אַלֶעס דֶער כֹּחַ פוּנֶעם צַדִיק".

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַלְץ מְחַזֵק זַיין מְלַמְדִים מִיט דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעווֶען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט מֶען זִיךְ צוּזַאמֶענגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר רֶעגְן, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ ווען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעגֶענֶען, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד דַרְדַּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, ווען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד, אִיךְ קוֹיף אִים אוּנְטֶער; אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ בִּין אִים מְשַׁכְנֵעַ אַז אוֹיבּ עֶר ווֶעט לֶערְנֶען ווֶעל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ אוּן דוּרְכְדֶעם הוֹיבְּט עֶר אָן

לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד וָואס לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען.

פִּינְטְל, פִּימְפְּל, סִימְפְּל אוּן דִימְפְּל, - נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דוּ זָאגְסְט, דֶער עִיקָר דִי קִינְדֶער זָאלְן גוּט אוֹיפְכַאפְּן דִי הֵיילִיגֶע א-ב, זֵיי זָאלְן קֶענֶען גוּט לֵיינֶען, אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ פָארְן יֶעצְט אוֹיף אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פָאר אוֹיף אוֹיסְלַאנְד קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צוּ אַ שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אִין אוּמַאן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק; דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּלִיבּ דִי מִלְחָמוֹת וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט יֶעצְט אִין דִי נַייעֶס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט רוּאִיג פָארְן קַיין אוּמַאן, נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן; מוֹרָא הָאבְּן דַארְף מֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרַאַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, צוּם רֶבִּי'ן קֶען מֶען אַלְץ פָארְן; וֶוען מֶען פָארְט צוּם רֶבִּי'ן אִיז מֶען בְּגֶדֶר שְׁלוּחֵי מִצְוָה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים ח.): "אֵינָן נִיזוֹקִין", מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט.

אַז דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי נַייעֶס; נִישְׁט קוּקְן קַיין נַייעֶס, נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי נַייעֶס - וֶועסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. דִי נַייעֶס מַאכְט מְשׁוּגָע, עֶס דֶערְשְׁרֶעקְט

און צֶעבְּרֶעכְט. אִין עֶנְגְלִישׁ זָאגְט מֶען: "בְּרֶעיקִינְ"ג נְיוּ"ס", דָאס מֵיינְט 'דִי נֵייעֶס צֶעבְּרֶעכְט'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען אַרָאפְּלֵייגְן אַ בֶּעבִּי אוֹיפְ'ן טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען פַאר אוּנְזֶער לֶעבְּן און שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג אַרָאפְּלֵייגְן אַ בֶּעבִּי פַאר אַ מִינוּט אוֹיפְ'ן טִישׁ, כְּדֵי אָנְצוּטוּן דָאס קִינְד אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע סִיבָּה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען מֶעג אַרָאפְּלֵייגְן אַ קִינְד אוֹיף אַ טִישׁ אִים אָנְצוּטוּן אָדֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר'ן מַאן אָדֶער פַאר דִי וַוייבּ וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען ווִיל טוּישְׁן דֶעם קִינְד וְכוּ', - דָאס זָאל מֶען נִישְׁט טוּן אוֹיפְ'ן טִישׁ, וַוייל אַ טִישׁ אִיז דוֹמֶה צוּם מִזְבֵּחַ, דֶערִיבֶּער זָאגְן דִי פּוֹסְקִים מֶען זָאל נִישְׁט טוּן קַיין מִיאוּסְעֶ זַאכְן אוֹיפְ'ן טִישׁ, (עַיֵּין מָגֵן אַבְרָהָם סִימָן קסז, סְעִיף קָטָן יג, בְּשֵׁם דֶעם סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן קב - אַז מֶען זָאל נִישְׁט טוּן אוֹיף אַ טִישׁ מִיאוּסְעֶ זַאכְן).

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, מֶען דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ און מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֵייטֶער - מֶעג מֶען נִיצְן אַ טִישׁ צוּ לֵייגְן אוֹיף דֶעם אַ בֶּענְקֶל וְכוּ', אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ נִיצְן דִי טִישׁ נָאר פַאר מְכוּבָּד'דִיגֶע זַאכְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## מֶעג מֶען פַארְשְׁטֶעלְן קִינְדֶער אוּם פּוּרִים וִוי אַ טָמֵא׳נֶע בַּאשֶׁעפֶענִיש?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל וויסְן אוֹיב עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ פַארְשְׁטֶעלְן דִי קִינְדֶער אוּם פּוּרִים מִיט אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס ווִי אַ טָמֵא'נֶע חַיָּה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַן עֶלֶעפַאנְט, אַ לֵייב אַ בֶּער, און דָאס גְלַייכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ פַארְשְׁטֶעלְן דִי קִינְדֶער מִיט פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּן אַ לֵייבּ, אַ בֶּער - וְכַדוֹמֶה; אַזוֹי וֶועט דָאךְ זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.**

**דֶער נָבִיא זָאגְט** (יְשַׁעְיָה יא, ו-ז): **״וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ״, עֶס וֶועלְן וואוֹינֶען אַ וָואלְף אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ בֶּער, ״וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ״, אַ לֶעמְפֶּערְט וֶועט הוֹיעֶרְן מִיט אַ צִיג, ״וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו״, אַ קֶעלְבְּל, אַ יוּנְגֶע לֵייבּ מִיט אַ פֶעטֶע אָקְס - וֶועלְן זַיין אִינְאֵיינֶעם, ״וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם״, אַ קִינְד וֶועט זֵיי פִירְן אָן מוֹרָא הָאבְּן, ״וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה״, אַ קוּ מִיט אַ בֶּער וֶועלְן זִיךְ פַּאשֶׁען; עֶס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם; אֲפִילוּ צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן וֶועלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.**

**דֶערִיבֶּער זָאגְט רֶבִּי נָתָן** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קָרְחָה הֲלָכָה ג, אוֹת כב) **אַז מֶען פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ פּוּרִים ווִי אַרַאבֶּער און ווִי אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער, ווַייל פּוּרִים**

קוּמְט אַרָאפּ אַזאַ הֵיילִיגְקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס וֶועט זַיין בַּיי דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם, ט): "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", - דָאס קוּמְט שׁוֹין אַרָאפּ פּוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַּארְוָואס דַארְף מַיין בָּחוּר אוֹיפְשְׁטֵיין אַזוֹי פְרִי פַארְטָאגְס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן אִיז אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען גֵייט דָארְט אַהֵיים שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אוּן אִינְדֶערְפְרִי דַארְף אִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיפְוֶועקְן גָאר פְרִי פַארְטָאגְס, עֶס רֶעגְט מִיר זֵייעֶר אוֹיף, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס רֶעגְט אַייךְ אוֹיף? דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר זוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג פַאר עֶלְטֶערְן, צוּ זֶען דִי קִינְדֶער גֵיין אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער! ווִיפִיל עֶלְטֶערְן זֶעעֶן זֵייעֶר קִינְד גֵיין אַרְבֶּעטְן פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶע'חַלֶשְ'ט אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל גֵיין אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, וָואס אִיז אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם?!

אַז אִיר וֶועט אִים אָפְּוָוארְטְן מִיט וַוארֶעמְקֵייט, מִיט אַ גוּט וָוארְט, מִיט עֶסְן וְכַדוֹמֶה, אוּן אִיר וֶועט אִים אוֹיפְוֶועקְן אִינְדֶערְפְרִי עֶר זָאל גֵיין לֶערְנֶען - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?" פְרוֹיעֶן הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען דִי

הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס בְּרֶענְגְט זֵיי לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא? "בְּאַקְרוּיֵי בְנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגֻבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", מִיט דֶעם וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען שָׂכָר.

אַ גוּט וָוארְט פוּן אַ מַאמֶע אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, אַ וַוארֶעם וָוארְט וָואס אַ מַאמֶע גֶעבְּט פַאר'ן בָּחוּר, זִי מַאכְט אִים זִיךְ גוּט שְׁפִּירְן; זִי רוּמְט אִים, סַיי דִירֶעקְט אוּן סַיי אוּמְדִירֶעקְט, דָאס הֵייסְט זִי זָאגְט אַ גוּט וָוארְט אוֹיפְ'ן קִינְד פַאר'ן מַאן גֶענוּג הוֹיךְ אַז דֶער קִינְד זָאל הֶערְן – דָאס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס קֶען אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אַ טִיטְשֶׁער מוּז זַיין אַחְרַיוּת׳דִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הֶער פוּן אָפִּיס אַז אִיר קוּמְט יֶעדְן טָאג שְׁפֶּעט, אִיר זֶענְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ אִין קְלַאס.

דָאס קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, יֶעדְן טָאג אָנְקוּמֶען שְׁפֶּעט אִין קְלַאס; אַ טִיטְשֶׁער מוּז זַיין אַחְרַיוּת׳דִיג, גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, זַיין גְרֵייט פַאר דִי קִינְדֶער מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט נֶעמֶען אַייעֶר אַרְבֶּעט מֶער עֶרְנְסְט, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶס נִישְׁט וַוייטֶער אָנְגֵיין.

...

### קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִויפִיל אַ מְלַמֵּד מוּטְשֶׁעט זִיךְ טָאג טֶעגְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער טֵייעֶרֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נִישְׁטָא הֶעכֶערְס אוּן גְרֶעסֶערְס פוּן אַ מְלַמֵּד. מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה דֶעם טִיטְל ״מְלַמֵּד״ -

אויפ'ן אײבערשטן: "בָּרוּךְ אַתָּה ה', הַמְלַמֵּד תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל".

אַ מְלַמֵּד איז זייער חָשׁוּב אין הימל; קיינער ווייסט נישט וואס אַ מְלַמֵּד גייט אַריבער טאג טעגליך, וויפיל ער מוטשעט זיך, יעדע מינוט מיט אַן אַנדערע קינד; מען דאַרף אַזויפיל חָכְמָה, סַבְלָנוּת און כֹּחַ צו קענען לערנען נאָך אַביסל; אָבער אויבן אין הימל ווייסט מען אַלעס, מען זעט יעדע ריר פונעם מְלַמֵּד.

רעד צו די קינדער פון קְדוּשָׁה, רעד צו זיי אַז חַס וְשָׁלוֹם אַראָפּציען די הויזן זיך שפּילן מיט אַ צְווייטן, דאָס איז זייער אַ גרויסע עֲבֵירָה, דער אײבערשטער געבט אַ שְׁטְראָף אויף דעם. זאָג זיי די ווערטער: "מען קען זיך נישט בַּאהאַלטן פונעם אײבערשטן!" זאָג זיי די ווערטער: "דער אײבערשטער איז איבעראַל!"

זאָג זיי: אויב אַ צְווייטער רופט דיך אין אַ זייט און וויל דיך אָנרירן בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, זאָלסטו שרייען: "חַ - זֶ - ר ! ! !" שריי: "רַ - אַ - טֶ - ע - וֶו - ע ! ! !" האָב נישט מוֹרָא פון קיינעם.

איך בעט דיר זייער, רעד צו די קינדער דיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זינג מיט זיי: "דער אײבערשטער איז דאָ"; ווי שטערקער די אֱמוּנָה איז - אַלץ מער פאַלן אַוועק אַלע פּראָבּלעמען.

טאַנץ מיט די קינדער. בַּיי די מיידלעך טאַנצט מען יעדן טאָג; פאַר מען עסט מיטאָג טאַנצן אַלע קינדער פון קליין ביז גרויס, מיט די טיטשער, מיט די פּרינציפּל. אַ שאָד מען טוט דאָס נישט בַּיי די אינגלעך; שִׂמְחָה איז קְדוּשָׁה, אַז עס איז פריילִיך איז דאָ קְדוּשָׁה.

...

## איך הער אַז דו פירסט זיך אַזוי שיין און גוט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מיין טייערער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב ליבערטי**

דיין ווייב האָט מיר געשריבן עפּעס אַזעלכע שיינע זאַכן אויף דיר, אַז

דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין; זִי שְׁרַייבְּט אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט אִיר אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ אַ קֶענִיגְן, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָאָה, דָאס אִיז פַאר מִיר דִי שַׁדְכָנוּת גֶעלְט, דָאס אִיז דִי יְיַשֶׁר כֹּחַ; וֶוען אִיךְ הֶער אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן - דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ.

דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז דָארְט אַזוֹי שֵׁיין, מֶען זֶעט דִי נַאטוּר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועלְט. גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, זָאג פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְ׳ן הַארְץ, זָאג אִים וִוי שֵׁיין דִי וֶועלְט אִיז. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַזַא שֵׁיינֶע וֶועלְט, קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט וִוי שֵׁיין עֶס אִיז, יֶעדֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ, יֶעדֶער קְרֶעכְצְט אוֹיף זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת; בִּיז עֶס קוּמְט אַ אִידֶעלֶע וָואס זִינְגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֵׁיינֶע לִידֶער, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אוֹיף דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט; קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר אִים, "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם" (בְּרָכוֹת ו.).

...

## מֶען דַארְף אַרוֹיסְטְרַייבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וָואס דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם בְּרֶענְגְט אַריין, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר׳, ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט׳, ׳קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט׳ וְכַדוֹמֶה - דָאס אִיז ׳מַחֲשֶׁבֶת פִּגּוּל׳; דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען טְרֵיף פָּסוּל, מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְרוֹימֶען, דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

בֵּייג צוּ דִי אוֹיעֶרְן, הֶער דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי׳ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "גֶעוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן!" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ בִּין יָא!

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו - וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶ' זַיין.
אוּיךְ זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן וְויפִּיל דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג.

...

## אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן פוּן אַלֶע זַייטְן, קוּמְט אָן אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר פָארְגֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה", אֲפִילּוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, "עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת כה, ח): "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם", אִיךְ וִויל רוּעֶן צְווִישְׁן אִידְן; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מַאכְט מִיר אַן אָרוֹן, אִינֶעם אָרוֹן זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן דִי תּוֹרָה.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי אָרוֹן, אַלֶע זַייטְן הָאט עֶס מִידוֹת שְׁבוּרוֹת, צֶעבְּרָאכֶענֶע מָאסְן, אַמָּתַיִם וָחֵצִי, אַמָּה וָחֵצִי; דִי מְפָרְשִׁים זָאגְן פְּשַׁט (עַיֵּין בַּעַל הַטּוּרִים), דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נָאר בַּיי אַ מָקוֹם נָמוּךְ, בַּיי אַן עָנָיו.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זָאגְן נָאכְמֶער, אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן פוּן אַלֶע זַייטְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט זַיין מְסוּדָּר מִיט אַ

סֵדֶר, פוּן אַלֶע זַייטְן אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן, נִישְׁט מְסוּדָר, אַ כְּלִי נִשְׁבָּר; אוֹיב לֵייגְט מֶען אַרַיין דִי תּוֹרָה אִין דֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם כֵּלִי - וֶוערְט דָאס דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, דָאס קוּמְט אָן אִינֶעם הֵיילִיגְסְטְן פְּלַאץ - אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים! נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וֶוער מֶען אִיז, "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, אוֹיב לֶערְנְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת.

דִי וָואךְ זֶענֶען מִיר מְסַיֵים מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן, מֶען הוֹיבְּט אָן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מַסֶכֶת חֲגִיגָה. לֵיל שִׁשִׁי וֶועט פָארְקוּמֶען דִי סִיוּם. אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט מְסַיֵים דִי מַסֶכְתָּא, אוּן אוֹיב נִישְׁט - זָאלְסְטוּ כָאטְשִׁיג אָנְהוֹיבְּן מַסֶכֶת חֲגִיגָה; אַ שָׁאד עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

...

## פַּאנִיק אַטַאקֶעס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

"פַּאנִיק אַטַאקֶעס" - קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה; וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט פַּאסִירְן דִי אַלֶע זַאכְן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר, נֶעבְּן מִיר, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן צוּ מִיר, בַּיים לֶעבְּן בִּין אִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים שְׁטַארְבְּן בִּין אִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן' - אִיז מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט.

דִי רֶגַע מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער - וֶוערְט אַלֶעס שְׁרֶעקֶעדִיג; דָאס לֶעבְּן אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג, אַלֶעס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג.

מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה/אִישׁ אֱמוּנוֹת; לֶערְנְט דִי בְּרִיוו אוֹיפְ'ן קוֹל.

...

## פוּפְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶרֶב שַׁבָּת דַיין הוֹדָעָה אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פוּפְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל נַחַת צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג; דוּ בִּיסְט מַמְשִׁיךְ יֶעצְט נָאךְ דַיין חֲתוּנָה, דוּ לֶערְנְסְט וַוייטֶער פְלַייסִיג - אַזוֹי וִוי אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וֶוען מֶען פְלֶעגְט זָאגְן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ סִיוּמִים - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאגְן: "מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעמֶען פוּן קַיין שׁוּם פְלַאץ"; בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אַזַא הַתְמָדָה, מִיט דֶעם וָואס מֶען אַרְבֶּעט, מֶען הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ - כַאפְּט מֶען אַרוֹיס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דַפִּים גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ'.

לָאמִיר טַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ!"

...

## אַ בִּיטֶערֶע טַעַם וֶוען דֶער שִׁידוּךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין בַּא'טַעֲמְ'טֶע עֵסֶק וֶוען מֶען פָּארְט צוּ אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵיין, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ בִּיטֶערֶע טַעַם.

אִיךְ הָאף דוּ גֶעדֶענְקְסְט דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם כְּלַל אִין לֶעבְּן: 'וֶוער עֶס דַארְף מִיךְ נִישְׁט, דַארְף

אִיךְ אִים טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט'; אַז דִי מֵיידְל זָאגְט קְלָאר אַז זִי ווִיל נִישְׁט ווַייטֶער גֵיין מִיט דִי שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט ווֶערְן צֶעפַּאלְן, זָאג פַּאר'ן שַׁדְכָן: "אַז זִי דַארְף מִיךְ נִישְׁט אֵיין מָאל דַארְף אִיךְ אִיר נִישְׁט טוֹיזְנְט מָאל".

מַאךְ אַ טִיקֶעט אוּן קוּם צוּרִיק; אוֹיב דוּ ווֶעסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דוּ ווֶעסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, דוּ ווֶעסְט ווַייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אָנְגֵיין מִיט דַיין סֵדֶר הַיּוֹם אִין לֶעבְּן - ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעבְּן שֶׁענֶערְס אוּן בֶּעסֶערְס.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעפָארְן אוּמְזִיסְט, דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה) יֶעדֶעס מָאל מֶען רֶעדְט אַ שִׁידוּךְ, אוּן זִיכֶער ווֶען מֶען טְרֶעפְט זִיךְ וְכוּ' - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ, דָאס אַלֶעס מַאכְט נֶענְטֶער דַיין שִׁידוּךְ.

...

## דֶער גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ פוּן פַארְשֶׁעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט דִי "נַ נַח" מְשׁוּגַעַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווֶען דוּ וָואלְסְט גֶעווִיסְט ווִי שְׁטַארְק אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר עֶפֶּעס גְרוּסְן פוּן שׁוּל - וָואלְסְטוּ מִיר זִיכֶער מֶער גֶעשְׁרִיבְּן; אִיךְ בִּין זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן שׁוּל, אוּן ווִי דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ קוּמְט צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם.

לֵיידֶער הָאט מֶען אַלֶע יָארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע נַארִישֶׁע פַארְשֶׁעמְטֶע דִמְיוֹן פוּן "נַ נַח"; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן דֶעם סִיפּוּר ווִי אַזוֹי דֶער דִמְיוֹן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן. אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד אִין טְבֶרְיָ' רֶבִּי יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט סוֹבֵל זַיין דָאס ווָאס מֶען הָאט גֶע'רוֹדְפְ'ט דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר

חָסִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט זַיינֶע יָארְן, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן דִי צֶעטֶעלֶע אוּן דָאס אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דֶער גַאנְצֶער דִמְיוֹן; אַ בּוּשָׁה אוּן חֶרְפָּה וָואס מֶען מַאכְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ צָרָה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע דַאלִי, אַ גְרוֹיסֶע בֶּער אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דִי אוֹתִיּוֹת "נַ נַח", מֶען טַאנְצְט מִיט דֶעם בַּיי חֲתוּנוֹת אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע צַאמְקוּמֶען, דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּזָיוֹן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, חֵלֶק מא, סִימָן ה'שנ): "אֲנִי בָּטוּחַ שֶׁמִּי שֶׁיַּחְזִיק בֶּבָּה כָּזוֹ הוּא יִנָּזֵק בְּלִי שׁוּם סָפֵק וּסְפֵק סְפֵיקָא", אִיךְ בִּין זִיכֶער אָן קַיין שׁוּם סָפֵק, וֶוער עֶס וֶועט הַאלְטְן דֶעם דַאלִי - וֶועט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיב מֶען פַארְשֶׁעמְט אַ צַדִיק. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא תּוֹלְדוֹת, סִימָן יב. אוֹיפְ'ן פָּסוּק מְלָכִים א יג, ד): "וַיְהִי כִשְׁמֹעַ הַמֶּלֶךְ אֶת דְּבַר אִישׁ הָאֱלֹקִים אֲשֶׁר קָרָא עַל הַמִּזְבֵּחַ בְּבֵית אֵל וַיִּשְׁלַח יָרָבְעָם אֶת יָדוֹ מֵעַל הַמִּזְבֵּחַ לֵאמֹר תִּפְשֻׂהוּ וַתִּיבַשׁ יָדוֹ אֲשֶׁר שָׁלַח עָלָיו וְלֹא יָכֹל לַהֲשִׁיבָהּ אֵלָיו" - כְּשֶׁהָיָה עוֹמֵד וּמַקְטִיר לְעַכּוּ"ם לֹא יָבְשָׁה יָדוֹ, וְכֵיוָן שֶׁפָּשַׁט אוֹתָהּ כְּנֶגֶד הַנָּבִיא יָבְשָׁה, ווילַאנְג עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ אוּן מַקְטִיר גֶעוֶוען קָרְבָּנוֹת פַאר עֲבוֹדָה זָרָה הָאט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט מִיט זַיין הַאנְט, אוּן גְלַייךְ וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט טְשֶׁעפֶּען דֶעם צַדִיק, דֶעם נָבִיא - אִיז זַיין הַאנְט גֶעוָוארְן פַּארְלַאזִירְט, "מִכָּאן אַתָּה לָמֵד שֶׁחָס הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כְּבוֹד אוֹתוֹ צַדִּיק יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", פוּן דָא זֶעעֶן מִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מֶער מַקְפִּיד אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן צַדִיקִים.

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מֶען מֵיינְט דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְטֹרָפִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פָּנִימְ'עֶר. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָ' צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִיךְ פְלֶעג גֵיין מִיט אִים קַיין מִירוֹן פַאר דְרַייסִיג יָאר צוּרִיק, מִיר פְלֶעגְן אַרוֹיף גֵיין דֶעם בַּארְג, דֶעמָאלְט פְלֶעגְן טַאנְצְן אִינְדְרוֹיסְן מֶענְטְשְׁן מִיט קַאפְּלֶעךְ אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְן "נַ נַח", פְלֶעגְט מִיר מַיין זֵיידֶע זָאגְן: "דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, דִי זֶענֶען בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה וָואס מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶערֶעדְט דֶער דִמְיוֹן פוּן 'נַ נַח'; אִיךְ הָאבּ

גֶעקֶענְט בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים״; עֶר פְלֶעגְט מִיר דֶערְצֵיילְן פוּן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר גֶעווִיזְן אִין דִי מַעֲרָה בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן דָארְט גַאנְצֶע נֶעכְט, גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת מִיט הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ; דֶעמָאלְט אִיז מִיר אַרַיין אַ רֵייץ צוּ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלְץ נָאכְגֶעקוּקְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרוּסְן פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוֹיךְ יֶעצְט הָאבְּן מִיר שׁוֹין דֶעם חֵדֶר. זָאג פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסְדוֹת אִין אַמֶעריקֶע. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ חוֹזֵק אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַלֵיינְס, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט! פְרֶעג נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען; הַיינְט דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַזַא חִינוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דִי אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט - אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקיז) - מִיט אַ רֵיין הֶעמְד וְדַ״ל.

...

## ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ שְׁנֶעלֶער וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

הוֹיבְּט אָן מֶער אוּן מֶער דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר וָואס שְׁנֶעלֶער אַהֵיים גֵיין מִיטְ׳ן קִינְד פוּן שְׁפִּיטָאל; אַז מֶען פַארְגֶעסְט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קְרֶעכְצְט, מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ - דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער נָאךְ אוּן נָאךְ וֵוייטָאג; אַז מֶען דַאנְקְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט נִישְׁט דִי חֲסָדִים - דֶעמָאלְט זֶעט מֶען שְׁטֶענְדִיג נָאר נִיסִים.

אִיךְ דַאוֶוען פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן אוּן פַארְ׳ן קִינְד.

...

## מִשְׁנַיוֹת הִיט אָפּ פוּן מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס ווילְן אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת. דֶער חִידָ״א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת (עַמּוּד מא): ״אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם״; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווילְן אִים אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין גֵיהִנוֹם, קוּמְט אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אוּן פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת טְרָאגְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַן עֵדֶן.

דֶער חִידָ״א טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״, ׳שְׁמֵנָה׳ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ׳מִשְׁנָה׳, אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, ״וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ״, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גַן עֵדֶן; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר לְאַחַר הַפְּטִירָה, דָאס אִיז נָאךְ יֶעצְט וֶוען מֶען לֶעבְּט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הִיט עֶס אִים אָפּ פוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס ווילְן אִים אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הוֹיבּ אָן מִיט אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ צוּלֵייגְן נָאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; דוּ וֶועסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל פַאר אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן יז): ״כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ״, אַז דִי תּוֹרָה בַּאוַוייזְט זִיךְ אִיר פָּנִים, דִי תּוֹרָה וַוייזְט אַרוֹיס דִי לִיבְשַׁאפְט - דֶעמָאלְט דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין עוֹלָם הַבָּא, מֶען דַארְף נָאר דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּ אַלֶעס אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַז דַיין וַוייבּ זָאל זַיין מִיט דִיר; עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס גֵיין דַאוֶוענֶען דָארְט וְכוּ׳, דָאס אִיז נִישְׁט כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ׳; אָבֶּער טוּ אַלֶעס אַז דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִיר.

דַיינֶע בְּרִיוו וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דַיין וַוייבּ אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִיר שׁוֹין פַאר אַפָּאר חֲדָשִׁים הָאבְּן מִיר צֶערִיסְן מַיין הַארְץ, אִיךְ הַאלְט דָאס נִישְׁט אוֹיס; טוּ אַלֶעס אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס טְשָׁאלְנְט, דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן וֶועט שׁוֹין צִיעֶן מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ מַאכְסְט אַ חַבוּרָה אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ, דוּ נֶעמְסְט צוּזַאמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יֶעדֶע לֵיל שִׁישִׁי, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער.

עֶס פֶּעלְט אָבֶּער נִישְׁט אוֹיס אוֹיסְצוּגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר עֶסְן, טְשָׁאלְנְט וְכַדוֹמֶה; דִי דִיבּוּרִים - דָאס וֶועט שׁוֹין צִיעֶן מֶענְטְשְׁן. טְשָׁאלְנְט אִיז דָא גֶענוּג פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ עֶסְן, אָבֶּער דִי דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן - דָאס אִיז נִישְׁטָא עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, דָאס אַלֵיינְס וֶועט צִיעֶן מֶענְטְשְׁן.

לֵייג אַבִּיסְל טְרִינְקֶען, קֶענְסְט אֲפִילוּ גֶעבְּן וַואסֶער. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט וַואסֶער, מֶען הָאט דָאס גֶערוּפְן: "דֶעם תַּם'ס בִּיר".

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אִין אוּמַאן וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרֶעמְקֵייט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר טֵיי, מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן פָּשׁוּטְ'עֶ הֵייסֶע וַואסֶער - הָאבְּן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען, מֶען אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ; זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז דָא גָאלְדֶענֶע טֵיי, אוֹיךְ אִיז דָא זִילְבֶּערְנֶע טֵיי...", פָּשׁוּטְ'עֶ וַואסֶער הָאבְּן זֵיי גֶערוּפְן "דִי זִילְבֶּערְנֶע טֵיי".

הָעִקָּר שְׁטַארְקְט אַייךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְרוֹיעֶן גֵייעֶן נִישְׁט צוּ קַיין לְוָיָ'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַ שָׁאד דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז אִיךְ נֶעם אוֹיף זוּנְטָאג תַּלְמִידִים, מֶען קֶען אַרַיינְקוּמֶען קָאפְּלְס. שְׁמוּעֶס אָפּ פַאר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה מִיט ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֶעלְפְט מִיר עֶס זָאל גֵיין מִיט אַ סֵדֶר. אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל דַארְפְן וַוארְטְן, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען אוֹיף אֵיין מָאל, מַאכְט מֶען בַּיי אִים אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט, עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיס וֶוען צוּ קוּמֶען.

אִיךְ נֶעם מֶער נִישְׁט מִיט מַיין טֶעלֶעפָאן מִיט מִיר אַגַאנְצְן צַייט, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ זֶען וֶוער עֶס רוּפְט אוּן וָואס מֶען פְרֶעגְט; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּ דִי לְוָיָ'; פְרוֹיעֶן גֵייעֶן נִישְׁט צוּ קַיין לְוָיָ', זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ אַז פְרוֹיעֶן גֵייעֶן נִישְׁט צוּ לְוָיָ'ס.

אִיךְ הָאף דוּ גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַן אֵשֶׁת חַיִל; אִיךְ

הָאף דו רֶעדְסְט שֵׁיין צו אִיר, דו פִירְסְט זִיךְ צו אִיר וִוי אַ קֶענִיגְן.

...

## גֵיין צו דִי חֲתוּנָה אָן אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אַייעֶר חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ פִירְט עֶר זִיךְ מִיט זֵייעֶר גוּטֶע מִידוֹת, עֶר גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צו אַלֶעמֶען. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ פַאר עֶנְק, אִיר וֶועט אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

קְלוּג זֶענְט אִיר אַז אִיר גֵייט צו אַייעֶר חֲתוּנָה אָן אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶער טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר, הַלְוַאי אַלֶע כַּלּוֹת זָאלְן זִיךְ אַזוֹי פִירְן. עֶלְטֶערְן וָואלְטְן זִיךְ גֶעוִוינְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַ כַּלָּה אַ תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא וָואס דַארְף גָארְנִישְׁט; וָואס אִיז צוּפְרִידְן מִיט אַ קְלֵייד פוּן גְמַ״ח, פַאלְשֶׁע בְּלוּמֶען, חֲתוּנָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען זִיךְ מִיט פְרֵייעֶן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ.

אַייעֶרֶע לִיפְּן זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן״.

...

## נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי זִיךְ טְשֶׁעפֶּען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶפֶּעס אַ הַאלְבֶּע מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט, אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער אִין דַיין כִּתָּה טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד פוּן אַ יוּנְגֶערֶע כִּתָּה, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אִים

מִיט זַיין אָפְּשְׁטַאם, עֶר לַאכְט פוּן אִים: ״דוּ סְפַרְדִי״שֶׁער!״

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט פוּן דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז אַזַא זַאךְ קֶען פַּאסִירְן בַּיי אוּנְז אִין חֶדֶר. בִּיז דֶערְוַוייל וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וֶוער דֶער אִינְגְל אִיז, אִיךְ צִיטֶער אוֹיבּ אִיךְ וֶועל וִויסְן וֶוער דָאס אִיז וֶועל אִיךְ אֶפְשָׁר פַארְשִׁיקְן דֶעם קִינְד. ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען זָאל זִיךְ שְׁטֶעכְן מִיט דִי אָפְּשְׁטַאם, ״סְפַרְדִי״, ״רוּסְקִי״, ״אַשְׁכְּנַזִי״?! דָאס אִיז דֶער גָלוּת, אַז מֶען מַאכְט פֵּירוּדִים צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מִיר הָאבְּן אַלֶע אֵיין אָפְּשְׁטַאם, מִיר זֶענֶען בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן גוּטֶע מִידוֹת. רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אִידִישֶׁע מִידוֹת, רַחְמָנִים, בַּיְשָׁנִים אוּן גוֹמְלֵי חֲסָדִים; לָאז נִישְׁט קִינְדֶער מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת. נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי זִיךְ טְשֶׁעפֶּען, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַ וַוארֶעמְקֵייט פַאר אַ צְוֵוייטֶער אִיד.

דָאס אִיז מַיין תְּפִלָּה טָאג אַיין טָאג אוֹיס: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר זָאלְן זִיךְ לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין ווִי אֵיין מִשְׁפָּחָה״.

...

## בֶּעט פַאר פַּרְנָסָה אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, צֶען מָאל אוּן הוּנְדֶערְט מָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר כְּסֵדֶר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַוַודַאי אַז דִי שְׁלִיסְלֶען פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (תַּעֲנִית ב.), נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, אִים בֶּעטְן אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, צֶען מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ.

דַּיְקָא וֶוען מֶען זֶעט שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, וֶוען מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיינְס, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ - דֶעמָאלְט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

פָּארִיגֶע וָואךְ זָאגְט מִיר מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַז מֶען דַארְף בַּאצָאלְן דִי ... אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיינֶע אוֹיגְן און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלַייךְ נָאכְדֶעם קוּמְט מִיר אֵיינֶער גֶעבְּן שַׁדְכָנוּת גֶעלְט און נָאךְ אַבִּיסְל פַּאר הַכָּרַת הַטּוֹב! אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת הָאבּ אִיךְ כְּסֵדֶר און אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת וֶועסְטוּ הֶערְן בַּיי אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר.

...

## אַרַיינְזָאגְן אִינֶעם הַאטְלֵיין דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיר פְלֶעגְט אַרַיינְזָאגְן אִינֶעם פְרוֹיעֶן הַאטְלֵיין דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה און אִישׁ אֱמוּנוֹת, אַזוֹיפִיל פְרוֹיעֶן הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען. נִישְׁט יֶעדֶער בַּאקוּמְט דִי בְּרִיוו, און אֲפִילוּ דִי וָואס בַּאקוּמֶען עֶס, נִישְׁט אַלֶע קוּמֶען אָן דָאס צוּ לֵיינֶען - אוֹיפְ'ן הַאטְלֵיין הֶערְן זֵיי דָאס אוֹיס; בִּשְׁעַת מֶען טוּט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט, מֶען מַאכְט דִי וֶועשׁ, מֶען רֵיינִיגְט דִי גֶעשִׁיר - צִינְדְט מֶען אָן דִי שֵׁיינֶע הַאטְלֵיין און מֶען שֶׁעפְּט פְרִישֶׁע לוּפְט; אַ שָׁאד אִיר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי זַאךְ.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן אַ קַאמֶעדְיֶע בַּיי דִי פְרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג; מֶען קֶען נָאר מַאכְן אוֹיבּ מֶען הָאט רְשׁוּת. אַזוֹי ווִי אִיר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען אַפָּאר פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל מַאכְן אַ פְּלֶעי - נָאר מִיט רְשׁוּת פוּן דִי מְנַהֶלֶת, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן בַּיים פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם נָאר מִיט רְשׁוּת.

מֶען מֵיינְט נִישְׁט מִיט דֶעם קַיין שְׁלֶעכְטְס; קֵיינֶער אִיז נִישְׁט וֵוייניגֶער,

קֵיינֶער אִיז נִישְׁט מֶער, נָאר אַ זַאךְ וָואס דִי מוֹסָד מַאכְט - מוּז הָאבְּן אַן אוֹיטָארִיטֶעט; אִיךְ וִויל נִישְׁט דַארְפְן מְבַטֵל זַיין דִי שֵׁיינֶע פְּרוּוּעֶן פַארְבְּרֶענְג.

...

**דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ז׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְבְּלַייבְּן בַּיינַאכְט וְכוּ׳; עֶנְדֶערְשׁ גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען אַ קְלָארֶע מֹחַ, מֶען קֶען מֶער אָנְקוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דִי צְוֵויי שִׁיעוּרִים זָאל זַיין דַיין עִיקָר. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זֶען אִין יְשִׁיבָה בַּיי דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען וָואס מֶער מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזַכֵךְ דִי נְשָׁמָה אוּן גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דֶעם שָׂטָן.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן אַבִּיסְל אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגוֹת.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר, אוֹיךְ פַאר דַיין בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶער נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט שְׁרֶעק

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶר קֶען זָאגְן פַאר זַיין טַאטֶע אַז אִיר ווִילְט אַזוֹי, אוּן אִיר הָאט בֵּיידֶע גֶעפְרֶעגְט דַּעַת תּוֹרָה (מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן וֶועם), אוּן דַּעַת תּוֹרָה זָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין יְרִידָה אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

וָואס דַארְף מֶען אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן?! מֶען דַארְף נָאר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְקַיֵּים זַיין אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן מוֹרָא אוּן פוּן כָּבוֹד, אָבֶער אַרוּם גֵיין מִיט שְׁרֶעק - אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ צוּ טוּן אִין אֵיין טָאג

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

וְויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן. אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמט): ״שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״, מֶען קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, ״וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ״, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר

מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶּענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן; נָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק - קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים".

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, גֶעדֶענְקְט וָואס מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט חַזֶר'ן בַּיי יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע שִׁיעוּר: "מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים"; מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט לַאכְן פוּן דִי אַלֶע וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים אוּן הָאבְן נָאךְ קֵיינְמָאל אִין זֵייעֶר לֶעבְן מְסַיֵּים גֶעוֶועזְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת.

בֶּעט אַייךְ טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים: מַאכְט אַייךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, יֶעדֶער לְפִי בְּחִינָתוֹ, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט בַּיי אַ צְוֵוייטְן. דֶעם מִשְׁכָּן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט בּוֹיעֶן נָאר פוּן גָאלְד, אָדֶער נָאר פוּן זִילְבֶּער, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט אַלֶע סָארְט זַאכְן, נָאר אַזוֹי הָאט זִיךְ צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מִשְׁכָּן. אַזוֹי אִיז כְּלַל יִשְׂרָאֵל; אֵיינֶער בְּרֶענְגְט גָאלְד, אַ צְוֵוייטֶער בְּרֶענְגְט זִילְבֶּער, אַ דְרִיטֶער קוּפֶּער, אֵיינֶער בְּרֶענְגְט אַ קְלֵיין בֶּענְדֶעלֶע, אַ רוֹיטֶע פָאדֶעם; אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם בּוֹיט זִיךְ אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע מִשְׁכָּן.

יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִיךְ שׁוֹין עֶפֶּענֶען דַיין הַארְץ אוּן קָאפּ, דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, בְּלַייבְּט נִישְׁט אִין גַאס בַּיינַאכְט, בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל; קוּמְט אַהֵיים הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶעלְפְן - קוּם אַהֵיים, זִיץ אִין שְׁטוּבּ,

שְׁמוּעֶס מִיט דַיין וַוייב און לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין שְׁטוּב; דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי נֶעכְט אִין גַאס.

וְעַל כּוּלָם בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נִישְׁטָא בֶּעסֶערְס פוּן אַ גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע, זַייט נִישְׁט בֵּייז אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן אַייעֶרֶע בְּרִיוו, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען; אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ צוּ טוּן אִין אֵיין טָאג, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אַנְדֶערֶע טוּעֶן דָאס אִין אַ חוֹדֶשׁ.

לְדֻגְמָא, נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטֶל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אִיר וֵוייסְט אַוַדַאי אַז מִיר הָאבְּן מְיַסֵּד גֶעוֶוען אִין אַמֶערִיקֶע אַ שְׁטֶעטְל, אַ פְּלַאץ וואו מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה; אֵיינְמָאל אַ וָואךְ מוּז אִיךְ אַהִין גֵיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אִין יְשִׁיבָה, נָאךְ שַׁחֲרִית בִּין אִיךְ גֶעפָארְן. דִי וֶועג פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג קַיין לִיבֶּערְטִי נֶעמְט בְּעֶרֶךְ צְוֵויי שָׁעָה, עֶס זֶענֶען מִיט גֶעקוּמֶען נָאךְ אַפָּאר בָּחוּרִים.

צוּם עֶרְשְׁט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין גְרָאסֶערִי רֶעדְן מִיטְ'ן בַּעַל הַבַּיִת; אִים הֶעלְפְן מִיט דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט בִּיכוֹלֶת צוּ בַּאצָאלְן וְכוּ'.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דֶעם מִקְוֶה טָהֳרָה, מִיר עֶנְדִיגְן שׁוֹין כִּמְעַט דִי מִקְוֶה. מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ 'ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַ קְלֵיינֶע קְהִילָה זָאל זִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל בּוֹיעֶן, ווִי אִיז דָא גֶעלְט פַאר דִי אַלֶע זַאכְן?' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מוֹהֲרַא"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיוו וָואס עֶר שְׁרַייבְּט מִיר מֶען זָאל עֶפֶענֶען אִין אַמֶערִיקֶע אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, שְׁרַייבְּט מוֹהֲרַא"שׁ: "יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט נָאר אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה".

ווִיסְן זָאלְט אִיר, עֶס זֶענֶען דָא צְווִישְׁן אוּנְז אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן גָארְנִישְׁט; זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְן אִיז נָאר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּיְ'ן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי מִקְוֶה טָהֳרָה אִין שְׁטֶעטְל מַאכְן מִיר בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּב, אַ

אִינְגֶעְרְמַאן הָאט מְנַדֵּב גֶעוֶועְן זַיין אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק פַאר אַ מִקְוֶה טָהֳרָה, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט, פַארְוָואס זָאל אַ אִינְגֶעְרְמַאן וָואס בּוֹיט זַיין אֵייגֶענֶע הוֹיז - וֶועלְן אַוֶּועקְגֶעבְּן זַיין פְּרִיוַואטְקֵייט וְכוּ׳; בְּנוֹסָף לָזֶה, אַ צְוֵוייטֶער אִינְגֶעְרְמַאן בּוֹיט דָאס אוֹיף, עֶר בֶּעט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר גֶעבְּט זַיינֶע גוֹיִם, עֶס קָאסְט אוּנְז נָאר דִי מַאטְרִיַאל, אַזוֹי אִיז דָא אַ אִינְגֶעְרְמַאן וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶּועק צוּ מַאכְן דִי לֶעקְטֶער, אַ דְרִיטֶער מַאכְט דִי פְּלָאמְבִּינְג; אַזוֹי זֶענֶען דָא פִילֶע תַּלְמִידִים אִין שְׁטֶעטְל וָואס דַארְפְן גָארְנִישְׁט פַאר זִיךְ, זֵיי ווִילְן נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין דִי וֶועלְט, אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וואו אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן בַּאקוּמֶען דֶעם חִינוּךְ.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִיז יֶעצְט זֵייעֶר קַאלְט, אִין אַמֶערִיקֶע רֶעגְנְט נִישְׁט ווִינְטֶער, אַלֶעס אִיז אַייז, נָאר זוּמֶער רֶעגְנְט בַּיי אוּנְז; מִיר וֶועלְן דַארְפְן וַוארְטְן בִּיז זוּמֶער צוּ קֶענֶען נִיצְן דִי מִקְוֶה.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, מֶען הָאט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין גֶעבּוֹיט, הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אוֹיךְ אַ שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע מִקְוֶה; דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חִידוּשׁ, אַ אִינְגֶעְרְמַאן קוֹיפְט זִיךְ אַ הוֹיז אוּן גֶעבְּט אַוֶּועק דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטָאק פַאר אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ; פְרֶעג אִים ׳ווִילְסְט נִישְׁט אַ פְּרִיוַואטֶע הוֹיז? ווִילְסְט נִישְׁט פְּרִיוַואטְקֵייט?׳ דָאךְ בְּרֶענְט אִין זֵיי צוּ הָאבְן אַ חֵלֶק פוּן בּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט.

אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גֵיין צוּ דִי דְרִיטֶע נֵייעֶ שׁוּל; אַ אִינְגֶעְרְמַאן, אַ פְּרִישֶׁער מְקוֹרָב הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז אוּן גֶעמַאכְט פַאר אַ שׁוּל אַ חֵלֶק פוּן זַיין אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק, מִיר הָאבְן גֶעגֶעבְן אַ נָאמֶען פַאר׳ן שׁוּל ״מְקוֹר הַשִּׂמְחָה״.

אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער; אִיךְ בִּין גֶעפָארְן צוּ דִי מֵיידְל שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא, צוּם עֶרְשְׁט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶע פוּן דִי יוּנְגֶערֶע קְלַאסְן, אִיךְ הָאב אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע לֶעדֶערְנֶע תְּהִלִּים; דִי תַּלְמִידוֹת אִין סְקוּל זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דִי לֶערֶערִינְס מַאכְן דָאס פַאר זֵיי אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, זֵיי ווִילְן זָאגְן תְּהִלִּים; נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ נָאךְ אַ כִּתָּה גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן אוֹיךְ פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס; מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט צְוֵויי שְׁטַארְקֶע ווִיכְטִיגֶע נְקוּדוֹת. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אַ מְלַמֵּד אוּן אַ טִיטְשֶׁער טָארְן נִישְׁט לֶעבְּן אִין סְפֵיקוֹת, מֶען דַארְף זַיין בַּיי זִיךְ זִיכֶער אַז מֶען אִיז גֶעאֵייגְנְט פַאר וָואס מֶען טוּט, דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין קָאפּ: 'בִּין אִיךְ יָא וֶוערְד? בִּין אִיךְ נִישְׁט וֶוערְד?' 'מֶען דַארְף מִיךְ יָא? מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט?' - דָאס אִיז אַלֶעס פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל נָאר צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער חַזֶר'ט מוֹהֲרָא"שׁ אִין דִי בְּרִיוו טוֹיזְנְטֶער מָאל דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָּקִין", דִי וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע - דִי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת. עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אִין קְלַאס", "מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן אִין קְלַאס", - וֶוען מֶען הָאט לִיבּ דָאס קִינְד ווִי וֶוען מֶען הָאט פַיינְט דָאס קִינְד; וֶוען מֶען הָאט פַיינְט דָאס קִינְד אוּן וֶוען מֶען זָאגְט עֶפֶּעס מוּסָר וְכַדּוֹמֶה - שְׁפְּרִיצְט פֵייעֶר פוּן דִי אוֹיגְן פוּן הַאס, דִי וֶוערְטֶער קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְטוּן; דָאס קִינְד וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן - אָבֶער עֶר וֶוערְט נִישְׁט מְחוּנָךְ, אָבֶער וֶוען מֶען הָאט לִיבּ דָאס קִינְד - הֶערְט זִיךְ דָאס גָאר אַנְדֶערְשׁ; מִיט סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד פּוֹעֶל'ט מֶען.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערֶע תַּלְמִידוֹת. אַלֶע שִׁיעוּרִים וֶוערְן אָפְּגֶעכַאפְּט; עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע הַאטְלֵיין פַאר מֵיידְלֶעךְ, פְּרוֹיעֶן; דָארְט קֶען מֶען הֶערְן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה בַּיי אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל בַּיי זַיין אָפִיס; דֶער אִינְגֶערְמַאן לֶערְנְט זִיךְ סוֹפְרוּת, עֶר עֶנְדִיגְט יֶעצְט זַיין עֶרְשְׁטֶע מְגִילָה, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען שְׁרַייבְּן. מִיר דַארְפְן נָאךְ סוֹפְרִים, דִי קְהִילָה צוֹואַקְסְט זִיךְ, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווִילְן מְזוּזוֹת אוּן תְּפִילִין פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סוֹפֵר וָואס גֵייט אִין מִקְוֶה, זָאגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מִיט גֶעקוּמֶען מִיט מִיר הָאבְּן בִּכְלָל נִישְׁט

גֶעוְוּיסְט וֶוער דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל יָאר, דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט שׁוֹין פֶערְצְן יָאר, דִי פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים קֶענֶען נִישְׁט דִי אַלְטֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר דִי בָּחוּרִים וֶוער דֶער סוֹפֵר אִיז. וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט, דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן יְשִׁיבָה - אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ רְדִיפוֹת, מֶען הָאט גֶעוָוארְפְן יֶעדְן שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי פַּאשְׁקֶעוִוילְן אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיין וַוייבּ, עֶר הָאט דָאס צַאמְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צַאמְצוּנֶעמֶען אַלֶע פַּאשְׁקֶעוִוילְן אוֹיף מִיר. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר גֶעדֶענְקְט דָאס אַלֶעס, אִיךְ הָאבּ אִים דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען אַפָּאר פַּאשְׁקֶעוִוילְן, אִיךְ הָאבּ דָאס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל דָאס אַרֵיינְלֵייגְן מִיט מִיר אִין גְרוּבּ בַּיי מַיין פְּטִירָה, אִיךְ וִויל וַוייזְן אוֹיבְן פַאר׳ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס מֶען הָאט גֶעוָוארְפְן אוֹיף מִיר, דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן פַאר מִיר, נָאר פַאר אֵיין חֵטְא - פַאר׳ן נֶעמֶען בָּחוּרִים אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען זִיצְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פַאר דְרֵיי שָׁעָה. דִי הַנְהָלָה זֶענֶען טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, זֵיי הֶעלְפְן מִיר מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, אוּן אַזוֹי אַלֶעס אַרוּם דִי קְהִילָה; מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה דָארְט.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ סִיוּם מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן פוּן דִי קִינְדֶער אִין שְׁטֶעטְל. בֶּאֱמֶת אִיז דָאס דִי סִיבָּה פַאר׳ן גֵיין נֶעכְטְן אִין שְׁטֶעטְל, דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מֵרְצוֹנָם הַטוֹב דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט מִיט זֵיי. דָאס אִיז פַאר מִיר אַזַא שִׂמְחָה, צוּ זֶען וִוי יוּנְגֶע קִינְדֶער ווִילְן לֶערְנֶען.

דֶער סִיוּם אִיז פָארְגֶעקוּמֶען בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ; זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל צוּ הֶעלְפְן דִי שְׁטֶעטְל, זַיין וַוייבּ אִיז דִי מְנַהֶלֶת אִין סְקוּל. זֵיי דַארְפְן גָארְנִישְׁט, זֵיי וואוֹינֶען אִין אַ בָּאנְגֶעלָאו. אִיר וֵוייסְט וָואס אַ בָּאנְגֶעלָאו אִיז? אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָא בָּאנְגֶעלָאוס? אִין אַמֶערִיקֶע אַרְבֶּעט עֶס אַזוֹי, מֶענְטְשְׁן וָואס וואוֹינֶען אַ גַאנְץ יָאר אִין פַּאלַאצְן, וֶוען עֶס קוּמְט דִי צְוֵויי זוּמֶער חֲדָשִׁים צִיט מֶען זִיךְ אַרוֹיס אוֹיף דִי בֶּערְג, דָארְט אִיז

דָא בָאנְגֶעלָאוּס. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר עֶנְק, עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס הָאט פִיר וֶוענְט און אַ דַאךְ, עֶס זֶעט אוֹיס אַבִּיסְל אַזוֹי וִוי אַ הוֹיז, אִין לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ אִיז דָאס אַ "חוּרְבָּה"; מֶענְטְשְׁן צָאלְן פַאר דֶעם גְרוֹיס גֶעלְט, צוּ קֶענֶען זַיין צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג, צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער - פַאר דִי זוּמֶער וָואכְן, אָבֶער אַ גַאנְץ יָאר וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט מַסְכִּים זַיין צוּ וואוֹינֶען אִין אַזַא שְׁטוּבּ. מִיר הָאבְּן אַ קְלֵיינֶע קֶעמְפּ, מִיר נִיצְן דָאס יֶעצְט פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ פַאר דִי זוּמֶער חֳדָשִׁים, דָאס אִיז צְוָואנְצִיג מִינוּט צוּ גֵיין צוּ פִּיס פוּן שְׁטֶעטְל, דָארְט וואוֹינֶען זֵיי; זֵיי דַארְפְן גָארְנִישְׁט.

בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּ זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוֹיפְ'ן טִיר הֶענְגְט אַ טָאוְול: "בְּרוּכִים הַבָּאִים לְגַן עֵדֶן - מִשְׁפַּחַת ..." עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ דָארְט אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, דַארְפְן גָארְנִישְׁט. אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַזַא שֵׁיינֶע סִיוּם, אַזוֹי לִיכְטִיג, אַזוֹי פְרֵיילִיךְ; אִיר קֶענְט הֶערְן דִי שִׁיעוּר, מֶען הָאט דָאס אָפְּגֶעכַאפְּט, מֶען קֶען דָאס הֶערְן אוֹיפְ'ן הַאטְלַיין.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא און מְסַיֵּים גֶעוֶוען מִיט דִי גַאנְצֶע עוֹלָם מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן. דֶער סִיוּם הָאט גֶעמַאכְט ..., אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִינְסְטָאג אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים; אִיךְ לֶערְן אָפְּגֶערוּקְט אַ בְּלַאט פָארְאוֹיס אַז דִי תַּלְמִידִים וָואס ווִילְן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא און ווִילְן מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה - זָאלְן דָאס קֶענֶען הֶערְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן.

עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער סִיוּם אִיז גֶעוֶוען אִין מַיין בַּאבֶּע'ס יָארְצַייט, מַיין בַּאבֶּע רָחֵל לֵאָה טֵייטְלְבּוֹים עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, מַיין מַאמֶע'ס מַאמֶע. אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל גֶערֶעדְט פוּן אִיר גְרוֹיסְקֵייט, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, זִי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ און יֶעדְן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין, סַיי מִיט זִיךְ און סַיי מִיט דִי קִינְדֶער (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א).

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מוֹעֵד קָטָן כז:): "הַהִיא אִיתְּתָא דַּהֲוַת בְּשִׁיבְבוּתֵיהּ דְּרַב הוּנָא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ

פְּרוֹי אִין דִי שְׁכֵנוּת פוּן דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב הוּנָא, זִי הָאט גֶעהַאט זִיבְּן קִינְדֶער, עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אִיר אַז אַ קִינְד אִיז לֹא עָלֵינוּ נִפְטָר גֶעוָוארְן, "הֲוַות קָא בַּכְיָא בִּיתֵירְתָא עֲלֵיהָ", זִי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט, זִי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרֵייסְטְן, "שָׁלַח לָהּ רַב הוּנָא, לֹא תַעְבְּדִי הָכִי", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַב הוּנָא אִיר גֶעזָאגְט, הֶער אוֹיף וֵויינֶען, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּפִיל צוּ וֵויינֶען, "לֹא אַשְׁגְּחָה בֵּיהּ", זִי הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, זִי הָאט וַוייטֶער גֶעוֵויינְט. הָאט אִיר רַב הוּנָא גֶעשִׁיקְט אוּן גֶעזָאגְט, אוֹיב דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן וֵויינֶען קֶענְסְטוּ שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן תַּכְרִיכִים פַאר נָאךְ אַ קִינְד, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אַ צְוֵוייטֶע קִינְד אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן זִי הָאט וַוייטֶער גֶעקְלָאגְט אוּן גֶעוֵויינְט, אוּן רַב הוּנָא הָאט אִיר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט מֶען טָאר נִישְׁט וֵויינֶען, דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן, זִי הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט אוּן זִי הָאט פַארְלוֹירְן אַלֶע זִיבְּן קִינְדֶער, אוּן זִי אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן; וַוייל אַ שְׁטוּב וָואס מֶען וֵויינְט, מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ, מֶען קְלָאגְט - וֶוערְט אוֹיס שְׁטוּב.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אִידְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי קְרִיג; זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת, זֵיי הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן - מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבְּן זֵיי פוּן פְרִישׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל בּוֹיעֶן שְׁטוּבֶער. מַיין בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרֶעכְצְט פוּן זֵייעֶר פַארְלוּסְט, פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶע פְרוֹי. אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוְוּסְט אַז זִי הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַ לֶעבְּן אוּן אַלֶעס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אֵיינֶער אַלֵיין - וָואלְט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן; מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וֶוער זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אִידְן וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מִיר דַארְפְן אַ רֶבִּי, וֶוער וֶועט אוּנְז גֶעבְּן בְּרָכוֹת?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיר וֶועט זֶען אַ אִיד מִיט אַ נוּמֶער וָואס דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי הַאנְט, וָואס לֵייגְט תְּפִילִין - זָאלְט אִיר נֶעמֶען פוּן אִים

אַ בְּרָכָה"; וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנוֹם און עֶר לֵייגְט תְּפִילִין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט אִין שׁוּל אָנְטוּן תְּפִילִין - אַזַא אֵיינֶער אִיז אַ צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב פַּארְ'ן עָמוּד, מֶען הָאט אַבִּיסְל גֶעטַאנְצְן, און אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיר וֵוייסְט וְוִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, יֶעדֶער ווִיל רֶעדְן נָאר אֵיין מִינוּט, פוּן אֵיין מִינוּט וֶוערְט צֶען מִינוּט, און זֶעקְס אִינְגֶעלַייט, יֶעדֶער נָאר צֶען מִינוּט - אִיז אַ שָׁעָה, און אַז עֶס אִיז מֶער - וֶוערְט עֶס צְוֵויי שָׁעָה, פְּלוּצְלוּנְג דֶערְזֶע אִיךְ זִיךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין צְוֶועלְף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין מָאנְרָא, קוֹדֶם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חֲתוּנָה פוּן אַ אִיד וָואס הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן יָארְן צוּרִיק וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אוּנְטֶערְדְרוּקְט אִין חוֹבוֹת, דֶער אִיד הָאט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן מִיט אוֹיסְלֶערְנֶען אַלֶע פְּרָאגְרַאמֶען פַאר דִי מוֹסָד, אַלְץ הָאט עֶר גֶעהַאט אַן אָפֶענֶעם טִיר פַאר אוּנְז, דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ בַּיים סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען אִין תְּפִיסָה; נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט פַארְ'ן גַנְבְ'נֶען פַאר זִיךְ, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה און מֶען הָאט אִים גֶע'מַסְרְ'ט. אִיךְ בִּין סְפֶּעצִיעֶל גֶעפָארְן, אִיךְ גֶעדֶענְק שְׁטֶענְדִיג וֶוער עֶס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, בִּפְרַט בְּעֵת דַחְקוּת.

עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ פַארְפַּאסְט אַ וַואכְטְנַאכְט. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן צוּם צִיוּן פוּן מַיין בַּאבֶּע, דִי לִיגְט אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט אַבִּיסְל אוֹיסְוֵויינֶען, אַבִּיסְל אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ, לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר אַלֶעס גֶעוֶוען פַארְשְׁטָאפְּט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן טְרוּקֶענֶע תְּפִילוֹת. אִיךְ בִּין אוֹיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיינֶע זֵיידֶעס, הָרַב ר' אֶלְחָנָן חַיִּים טֵייטֶלְבּוֹים זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - אִיר מַאן; מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים הֵייסְט נָאךְ דֶעם זֵיידְן. אוֹיךְ בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין צוּגֶעקוּמֶענֶער זֵיידֶע, הָרַב שְׁלֹמֹה גֶפֶן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה הֵייסְט נָאךְ דֶעם זֵיידְן, און צוּ מַיין זֵיידֶע הָרַב חַיִּים מְנַחֵם קָאהֵן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מַיין זוּן מְנַחֵם הֵייסְט נָאךְ דֶעם זֵיידְן.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיינְס אַ תַּלְמִיד שִׁמְעוֹן עֶנְדְצְוֵוייג עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דָא אִין יְשִׁיבָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל יִסוּרִים. אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן פַאר דִי בָּחוּרִים דִי נוּסָח הַמַּצֵּבָה, וְוִי עֶס שְׁטֵייט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט

אַז דֶער בָּחוּר הָאט גֶעזָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען זַיינֶע יִסוּרִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט; עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, חַיִּים בֶּנְצִיוֹן גְרָאס עָלָיו הַשָּׁלוֹם, זַיין מַצֵּבָה אִיז גָאר שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דִי מַצֵּבָה. עֶס שְׁטֵייט דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען אוֹיף דִי מַצֵּבָה, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה קֶעגְן דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים; דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ פַאר׳ן מֶענְטְשׁ, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאהָאפְטְן צוּם צַדִיק אֱמֶת. חַיִּים בֶּנְצִיוֹן עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט זִיכֶער הַנָאָה אַז אִיךְ הֶעלְף זַיינֶע יְתוֹמִים, אִיךְ בִּין מְחַזֵק זַיינֶע קִינְדֶער.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם תִּיקוּן חֲצוֹת; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַבִּיסְל עֶפֶענֶען מַיין הַארְץ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן צה), וֶוען מֶען וִויל וֵויינֶען, מֶען זָאגְט תְּהִלִים אוּן מֶען וַוארְט צוּ וֵויינֶען - אִיז דָאס נִישְׁט גוּט, מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער אוּן דִי בַּקָשׁוֹת, אוֹיבּ מֶען קֶען וֵויינֶען אִיז זֵייעֶר גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער טְרוּקֶענֶערְהֵייט.

אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען דְרֵיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס.

הַיינְט צוּפְרִי אִין יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אַהּ מְחַיֶ׳! מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא, מַסֶכֶת חֲגִיגָה.

אִיךְ גֶעדֶענְק צְוֵויי מַחְזוֹרִים צוּרִיק וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶכֶת חֲגִיגָה, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ בַּיי אַ שִׁיעוּר, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט בַּיים שִׁיעוּר, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא, מַסֶכֶת חֲגִיגָה; דִי מִשְׁנָה הוֹיבְּט אָן: "הַכֹּל חַיָּבִין בִּרְאִיָּה", מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: "הַכֹּל חַיָּבִין", אַלֶע וֶועלְן דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן, "בִּרְאִיָּה", אוֹיף דִי אוֹיגְן; עֶס אִיז מִיר אַזוֹי אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, מֶען דַארְף הִיטְן דִי אוֹיגְן.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ בֵּית פֵּיגָא גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, נָאכְדֶעם אִין חֵדֶר בַּיי דִי עֶלְטְסְטֶע קְלַאס הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, נָאכְדֶעם פַאר דִי בָּחוּרִים, אוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי אִינְגֶעלַייט.

דָאס אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט אַלֶעס פוּן דִי טָאג, דָאס אִיז נָאר זַאכְן וָואס מֶען קֶען שְׁרַייבְּן אוּן וָואס דֶער זִכָּרוֹן גֶעדֶענְקְט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן גְלַייךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן.

נִישְׁט אַז אִיר זָאלְט מִיר אוֹיפְהֶערְן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו אוּן פְרֶעגְן אַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת; הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ שְׁרַייבְּן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ שְׁטֶערְן; נָאר זַייט מִיר דַן לְזְכוּת אוֹיבּ אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן גְלַייךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער פַאר דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךְ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): ״וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת״. אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ פְרֶעגְסְט דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְפְרִי וֶוער עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער אוּן וֶוער נִישְׁט, אוּן דוּ גִיסְט אָפּ פַאר אַלֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעוַואשְׁן, וַוייל נִישְׁט אִין אַלֶע שְׁטוּבֶּער גִיסְט מֶען אָפּ נֶעגְל וַואסֶער; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגְקֵייט.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אַזוֹי וִוי אַמָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיטְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, הָאט מֶען אַ גְלַייכֶע זְכוּת אִין הֲפָצָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר שְׁרַייבְּט וָואס אִיר קֶענְט טוּן פַאר הֲפָצָה? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט אַייעֶר פְרַאגֶע, אִיר זֶענְט דָאךְ אַיין שְׁטִיק הֲפָצָה, אַייעֶר אַרְבֶּעטְן אִין אָפִיס הֶעלְפְט מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען טוּן הֲפָצָה.

וֶוען דֶער קֶענִיג גֵייט אִין מִלְחָמָה טֵיילְט מֶען אַיין דִי סָאלְדַאטְן, אַ טֵייל קְרִיגְן זִיךְ מִיטְ׳ן שׂוֹנֵא, אַ טֵייל אַרְבֶּעטְן אִין קָאךְ אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר דִי זֶעלְנֶער וָואס זֶענֶען אוֹיפְ׳ן פְרָאנְט; אִיךְ קֶען טוּן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן נָאר אַז אִיר הֶעלְפְט מִיר, אוּן וַוייל נָאךְ תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת הֶעלְפְן.

אִיךְ מַאךְ מִיט אַייךְ אַ גֶעשֶׁעפְט, אוּן מִיט אַלֶע וָואס הֶעלְפְן מִיר; אִיר הֶעלְפְט מִיר אִין אָפִיס וְכַדוֹמֶה, אוּן אִיךְ טוּ הֲפָצָה - אוּן דִי זְכוּתִים וֶועלְן גֵיין גְלַייךְ אוֹיף גְלַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁמִירְן

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן רֵיין, אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים וָואס פְלֶעגְן הָאבְּן מִיט זִיךְ אַ נָאדְל מִיט פָאדֶעם, אַז אוֹיבּ זֵייעֶר קְלֵייד צֶערֵייסְט זִיךְ זָאלְן זֵיי דָאס קֶענֶען גְלַייךְ פַארְנֵייעֶן.

הֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, דִי צַדֵיקֶת אָדְל. אַמָאל זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַ גְרוּפֶּע מֵיידְלֶעךְ צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה בַּיי דִי הַייזֶער, דִי צַדֵיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן – אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ בְּלָאטֶע אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען אַלֶע גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט דִי קְלֵיידֶער מִיט דִי שְׁטְרִימְפּ פוּן דִי בְּלָאטֶע, דִי מֵיידְלֶעךְ קוּקְן זִיךְ אָן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי זֶעעֶן אַז אַלֶע

זֶענֶען שְׁמוּצִיג אוֹיסֶער דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן; דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן: ״לָאמִיר פְרֶעגְן אָדְל דִי צַדֶיקֶת, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין?״




אָדְל׳ס שִׁיךְ אוּן קְלֵיידֶער זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן רֵיין

אָדְל דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת זָאגְט זֵיי: ״דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי מַיין טַאטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; אֲפִילוּ מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְשְׁמִירְט״; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין אוּן זוֹיבֶּער.

קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין, אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז דָא צְוֵויי עֶרְלֵיי בְּלָאטֶעס, עֲבֵירוֹת אִיז אוֹיךְ אַ בְּלָאטֶע; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אוֹיבּ מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, מֶען אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת - זָאל מֶען נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, מֶען זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי שְׁמוּץ, נָאר מֶען זָאל גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ גְלַייךְ אָפְּוַואשְׁן. וֶוען אַ אִיד זָאגְט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: "טַאטֶע זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט גֵיין אִין בְּלָאטֶע" - וֶוערְט עֶר גְלַייךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין פַארְשְׁמִירְט, נִישְׁט מִיט בְּלָאטֶע, אוּן נִישְׁט מִיט עֲבֵירוֹת'דִיגֶע בְּלָאטֶע.

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
## יואל רוטה
שליט"א



היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש **718-387-2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com